# סופלעמענטל נוטרישאן הילף פראגראם (SNAP)
# אויטאריזירטע פארשטייער אונטערשריפט געבאט פארעם:

**אויב איר זענט בלינד אדער אייער זעהקראפט איז גאר שוואך און איר דארפט אן אפליקאציע/פארעם אין אן אנדערע פארמאט, קענט איר עס בעטן פון אייער סאשעל סערוויס דיסטריקט. פאר מער אינפארמאציע איבער די סארטן פארמאטן וועלבע זענען דא צו באקומען, פארבינדט זיך מיט אייער סאושעל סערוויסעס דיסטריקט אדער באזוכט .www.otda.ny.gov**

**אויב איר זענט בלינד אדער פארמאגט א שוואכע זעהקראפט, ווילט איר באקומען געשריבענע נאטיצן אין אן אנדערן פארמאט? ____ יא ____ ניין**

**אויב יא, קוקט וועלבע סארט פארמאט איר ווילט: ____ גרויסע ווערטער ____ דאטא CD ____ אודיא CD ____ ברעיל, אויב איר באשטעטיגט אז קיין איינער פון די אנדערע אלטערנאטיווע פארמאטן וועלן זיין אייניג גוט אפעקטיוו פאר אייך.**

**אויב איר דארפט אז מיר זאלן זיך צושטעלן אויף אן אנדערע אופן, ביטע פארבינדט זיך מיט אייער סאושעל סערוויסעס דיסטריקט.**

| | |
|---|---|
| אפליקאנט/מקבל נאמען: | אפליקאנט אדרעס: |
| אפליקאנט/מקבל קעיס נומער: | |

**אויטאריזירטער פארשטייער**- איר קענט אויטאריזירן איינעם וואס קען אייער הויזגעזינד'ס אומשטענדן צו זיך **איינגעבן** פאר SNAP בענעפיטן פאר אייך. איר קענט אויך באשטימען איינעם צו נוצן אייער SNAP בענעפיטן קארטל צו קויפן עסן פאר אייך. אויב איר ווילט באשטימען איינעם פאר סיי וועלבע פון די זאכן, מוז דאס געטוהן ווערן שריפטליך. איר קענט טוהן דאס דורך דרוקן דעם מענטשן'ס נאמען, אדרעס און טעלעפאן נומער אונטן און אונטערשרייבן די קומענדיגע זייט פון די פארעם.

| | |
|---|---|
| אויטאריזירטע פארשטייער נאמען: | אויטאריזירטע פארשטייער אדרעס: |
| אויטאריזירטע פארשטייער טעלעפאן נומער: | |

איך געב רשות פאר דעם אויבערדערמאנטן מענטש צו זיין מיין פארשטייער ביז איך צי נישט צוריק די רשות פאר די צילן געצייכנט אונטן. איך פארשטיי אז אויב איך ציכן נישט איינע פון די קעסטלעך אונטן וועט מיין אויטאריזירטער פארשטייער זיין אויטאריזירט צו דורכפירן אלע פונקציעס אויסגערעכנט ביים זייט פון די קעסטלעך. איך פארשטיי אז איך קען צוריקציען מיין צושטימונג צו יעדע צייט דורכן איינמעלדן מיין לאקאלע דיסטריקט שריפטליך.

**ביטע צייכנט די פאסיגע קעסטל(ער)**

☐ אפליקאציע פאר SNAP בענעפיטן

☐ צו נוצן מיין SNAP בענעפיט (די EBT קארטל) צו איינקויפן שפייז פאר מיר

☐ איבערבאשטעטיגט ווערן פאר SNAP בענעפיטן

☐ אלע אויסגערעכנטע.

**SNAP שטראף ווארענונג** - סיי וועלבע אינפארמאציע וואס איר גיבט איבער אין פארבינדונג מיט אייער אפליקאציע פאר SNAP וועלן קענען ווערן באשטעטיגט דורך פעדעראלע, סטעיט און לאקאלע באאמטע. אויב סיי וועלבע אינפארמאציע איז נישט ריכטיג, וועט איר מעגליך ווערן צוריקגעוויזן פון באקומען SNAP בענעפיטן. איר וועט זיין אויסגעשטעלט צו קרימינאלע אנקלאג אין געריכט אויב איר האט בייוויליג איבערגעגעבן נישט ריכטיגע אינפארמאציע וואס איז משפיע אויף אויב איר זענט בארעכטיגט בכלל אדער אויף די סכום פון די בענעפיטן. סיי ווער וואס טוט פארלעצן א באדינגונג פון טעסט פעריאד אדער באפריונג אויף באדינגונג, אדער סיי ווער וואס אנטלויפט צו פארמיידן אן אנקלאגע אין געריכט, טורמע אדער זיין איינגעשפארט פאר א פארברעך און ווערט געזוכט דורך די געזעץ אויטאריטעטן, איז נישט בארעכטיגט צו באקומען SNAP בענעפיטס.

## SNAP שטראף ווארענונג (פארזעצונג)

אויב א SNAP הויזגעזינד מיטגליד איז געפונען געווארן באגיין אן אינטענשאנאל פראגראם ווייאלעישן (IPV), וועט דער מיטגליד נישט מעגן באקומען SNAP בענעפיטן פאר א צייט אפשניט פון:

- 12 חדשים פאר די ערשטע SNAP IPV פארלעצונג;
- 24 חדשים פאר די צווייטע SNAP IPV פארלעצונג;
- 24 חדשים פאר די ערשטע SNAP IPV פארלעצונג וואס איז באזירט אויף א געפונס פון א געריכט אז דער מענטש האט גענוצט אדער באקומען SNAP בענעפיטס אין אן אריבערפירונג פון געלט וואס איז געווען פארמישט אין די פארקויף פון א געצוימטע פראדוקט. (אומלעגאלע דראָגס אדער געוויסע דראָגס פאר וועלכע עס פארלאנגט זיך א פריסקריפשען פון א דאקטאר.)
- 120 מאנאטן אויב מען איז געטראפן געווארן מאכן א פארפירערישע דערקלערונג איבער ווער איר זענט אדער וואו איר וואוינט כדי צו באקומען מערערע SNAP בענעפיטן אויפאמאל, אויסער אויב מען איז שוין אויף שטענדיג דיסקוואליפיצירט צוליב א דריטע IPV.

אין צוגאב, קען א געריכט אוועקנעמען די רעכט פון א מענטש צו באקומען SNAP פאר נאך 18 חדשים.

שטענדיגע דיסקוואליפיקאציע פון אן אינדיווידועל פאר:

- די ערשטע SNAP-IPV און באזירט אויף די געפינס פון א געריכט אז דער מענטש האט גענוצט אדער באקומען SNAP בענעפיטס אין א געשעפט פארמישט מיט די פארקויף פון וואפן, אמוניציע אדער אויפרייס מאטעריאל;
- די ערשטע SNAP-IPV פארלעצונג באזירט אויף די באשולדיגונג פון א געריכט אינעם האנדלען מיט SNAP בענעפיטס פאר א סך הכל פון $500 אדער מער (האנדלען רעכנט אריין אומלעגאלע נוצן, אריבערפירן, ערהאלטן, טוישן אדער נעמען צו זיך פון SNAP אויטאריזאציע קארטלעך אדער עקסעס מאשינקעס);
- 24 די צווייטע SNAP-IPV פארלעצונג וואס איז באזירט אויף א געפונס פון א געריכט אז דער מענטש האט גענוצט אדער באקומען SNAP בענעפיטס אין אן אריבערפירונג פון געלט וואס איז געווען פארמישט אין די פארקויף פון א געצוימטע פראדוקט. (אומלעגאלע דראָגס אדער געוויסע דראָגס פאר וועלכע עס פארלאנגט זיך א פריסקריפשען פון א דאקטאר.)
- אלע דריטע SNAP בייזוויליגע פראגראם פארלעצונג.

סיי וועלכע מענטש וואס איז געווארן באשולדיגט אין די פארברעך פון במזיד נוצן, אריבערפירן, ערהאלטן, ענדערן אדער נעמען צו זיך SNAP אויטאריזאציע קארטלעך אדער צוטריט דעווייסעס קענען באשטראפט ווערן מיט אזוי פיל ווי $250,000, איינגעשפארט פאר ביז 20 יאר אדער ביידע. דער מענטש קען אויך זיין אויסגעשטעלט צו אן אנקלאגע אין געריכט אונטער די אנגייענדע פעדעראלע און סטעיט געזעצן.

איר קענט ווערן געפינען צו זיין אומבארעכטיגט פאר SNAP אדער געפינען צו האבן באגאנגען אן IPV אויב:

- איר מאכט א פאלשע אדער פארפירערישע סטעיטמענט אדער פארדרייט, באהאלט, אדער ווידערהאלט פאקטן כדי צו זיין בארעכטיגט צו באקומען בענעפיטן אדער באקומען מער בענעפיטן; אדער
- קויפט א פראדוקט מיט SNAP בענעפיטן מיטן ציל צו באקומען קעש דורך במזיד אוועקוואפן דעם פראדוקט און צוריקשיקן די קאנטעינער פאר די געלט וואס איר האט אויסגעלייגט; אדער
- איר באגייט, אדער פראבירט צו באגיין, סיי וועלכע אקט וואס באשטייט פון א פארלעצונג פון פעדעראלע אדער סטעיט געזעץ מיט די צוועק פון נוצן, פארשטעלן, אריבערפירן, ערהאלטן, באקומען, האלטן אדער האנדלען מיט SNAP בענעפיטס, אויטאריזאציע קארטלעך אדער דאקומענטן וואס קענען ווערן איבערגענוצט אלץ טייל פון די עלעקטראנישע בענעפיט טראנספער (EBT) סיסטעם.

אין צוגאב, די פאלגנדע זאכן זענען נישט ערלויבט און איר קענט פארלירן די רעכט צו באקומען SNAP בענעפיטס און/אדער ווערן באשטראפט פאר זאכן וואס איר טוט וואס רעכענען אריין:

- נוצן אדער האבן אין אייער רשות EBT קארטלעך וואס באלאנגען נישט צו אייך, אן די אייגנטימער'ס הסכמה; אדער
- נוצן SNAP בענעפיטס צו קויפן עפעס אנדערש ווי עסנווארג ווי אלקאהאל אדער צעגערעטלעך, אדער צו באצאלן פאר עסן וואס איז געקויפט געווארן בעפאר מיטן אויפשרייבן (קרעדיט); אדער
- לאזן א צווייטן נוצן אייער EBT קארטל אין אויסטויש פאר קעש, וואפן, אמוניציע אדער אויפרייס מאטעריאל, אדער דראָגס, אדער צו קויפן עסן פאר מענטשן וואס זענען נישט מיטגלידער פון אייער SNAP הויזגעזונד.

**באמערקונג:** סיי דער אפליקאנט און/אדער דער באשטעטיגטער פארשטייער שטייען אויס צו די אויבנדערמאנטע שטראפן.

| **אפליקאנט אונטערשריפט:** | **דאטום:** |
|---|---|
| | |

אלס אן אויטאריזירטער פארשטייער טוה איך באשטעטיגן די דאזיגע אינפארמאציע.

| **אויטאריזירטע פארשטייער אונטערשריפט:** | **דאטום:** |
|---|---|
| | |